# מאכט א
# פארזיכערטע ברית
## פאר אייער בעיבי



פאר מער אינפארמאציע וועגן האבן א פארזיכערטע ברית, רעדט צו אייער בעיבי'ס דאקטער אדער באזוכט **nyc.gov/safebris**.



אויב איר באשליסט צו מקיים זיין מציצה בפה בשעת אייער בעיבי'ס ברית, טוט די פאלגנדע שריט:

# פאר די ברית

- **רעדט מיט אייער בעיבי'ס דאקטער וועגן מציצה בפה.**
- **פאר איר נעמט אויף א מוהל פאר די ברית, פרעגט אים אויב ער האט באקומען א באפעל פון די קאמישאנער אוו העלט נישט צו מאכן מציצה בפה. אויב א מוהל זאגט "יא", זאלט איר נישט אויפנעמען יענע מוהל.**
- **סיי וועלכע מוהל וואס איר נעמט אויף, בעט דעם מוהל צו זיכער מאכן אויסצושווענקען זיין מויל מיט א מויל-רייניגער (Listerine Original Gold) מיט 26.9% אלקאהאל) פאר ווייניגסטנס 30 סעקונדעס גלייך פארן מאכן מציצה בפה.**

# נאך די ברית

- **אויב א מוהל האט געמאכט מציצה בפה בשעת אייער בעיבי'ס ברית,** האלט אן אויג אויף אייער בעיבי'ס הויט צו עס האט קליינע בערגלעך אדער בליסטערס, ספעציעל אויף אדער ארום די פלאץ פון די ברית און זיך-פלאץ. אויב איר זעט דאס אדער סיי וועלכע אנדערע סימן אז אייער בעיבי איז מעגליך קראנק, אדער אויב אייער בעיבי פירט זיך נישט געהעריג אויף, זוכט גלייך מעדעצינישע הילף.

**כדי צו באשיצן די געזונט פון ניו יארק סיטי'ס בעיבים,** האט די קאמישאנער אוו העלט געהייסן מוהלים וואס זענען געווען אידענטיפיצירט אלץ האבן אנגעשטעקט א בעיבי מיט **HSV-1** דורך מציצה בפה נישט צו מקיים זיין דעם מנהג בשעתן מאכן א ברית פאר אנדערע בעיבים.



ביישפילן פון הויט בליסטערס צוליב די הערפיס סימפלעקס ווירוס סארט 1 אינפעקציע. (בילד קרעדיט פון .Philip S Larussa, MD)

# פארמינערן די ריזיקע

**פארמיידן מציצה בפה דורכאויס די ברית נעמט אוועק די ריזיקע פון באקומען הערפיס דורכאויס די ברית.**

**איידער איר נעמט אויף א מוהל פאר א ברית, פרעגט אים אויב ער טוט מציצה בפה.** געוויסע עלטערן זאגן אז אויב זיי וואלטן געוואוסט אז די מוהל האט געפלאנט צו טון מציצה בפה, וואלטן זיי געבעטן די מוהל עס נישט צו טון.

**אויב איר ווילט נישט מציצה בפה, זאגט פארן מוהל אז איר ווילט עס נישט.** זיי זענען פארלאנגט צו רעספעקטירן אייער ווילן.

# מציצה בפה:
## ווייסט די ריזיקע

ווען מען מאכט א ברית פאר א בעיבי, טוען געוויסע מוהלים א געוויסע פראקטיצירונג וואס רופט זיך מציצה בפה. מציצה בפה איז ווען די מוהל נוצט זיין מויל צו ארויסזויגן בלוט פון די בעיבי'ס ברית וואונד אלץ טייל פון די ברית.

**נאך מציצה בפה, קענען געוויסע בעיביס ווערן קראנק מיט הערפיס,**
**וואס קען אפילו פירן צו טויט.**

דאקטוירים און קהלישע מבינים פון געזונט האבן זיך דערוואוסט אז מציצה בפה קען שטעלן בעיביס אין סכנה צו קריגן א שעדליכן ווירוס וואס הייסט **הערפיס סימפלעקס ווירוס טיפ 1 (HSV-1).**

פילע ערוואקסענע האבן HSV-1 אין זייערע קערפערס. זיי קענען מעגליך נישט האבן קיין סימפטאמען אדער נאר מילדע סימפטאמען, ווי קאלטע בלאטערן. אנדערש ווי ערוואקסענע, זענען בעיביס צו קליין צו קריגן די ווירוס. בעיביס מיט די ווירוס קענען אנטוויקלען מח שעדיגונג אדער א לעבנסלענגליכע באגרעניצונג, אדער אין געוויסע קעיסעס קען די ווירוס פירן צו טויט.

מעדעצינען קענען העלפן באהאנדלען די סימפטאמען, אבער בעיביס וואס באקומען HSV-1 וועלן בלייבן מיט די ווירוס פאר זייער גאנצע לעבן.

א בעיבי קען באקומען די ווירוס ווען די מוהל'ס שפייעכץ גייט אויף די בעיבי'ס הויט און ברית וואונד. **אויב א מוהל מאכט א מציצה בפה, אפילו בלויז אויף א רגע, איז דא די ריזיקע פון הערפיס אינפעקציע. אפילו אויב די מוהל האט נישט קיין סימפטאמען אדער קיין אנזעבארע סימנים פון די אינפעקציע, קענען זיי נאך אלץ האבן די ווירוס און נישט וויסן דערפון.**